## קאַפּיטל זיבעצן

17

1 און רייזנדיק דורך אַמפּיפּאָליס און אַפּאָלאָניע,
זענען זיי געקומען קיין טעסאַלאָניקאַ, וואו עס
2 איז געווען אַ יידישע שול; און לויט זיין געוואוינ־
הייט איז פּוילוס אַריינגעגאַנגען צו זיי, און במשך
פון דריי שבתים האָט ער זיך מיט זיי מתווכח געווען
3 פון די כתבי (הקודש), אויפעפענדיק און דער־
ווייזנדיק, אַז דער משיח האָט געדאַרפט ליידן און
אויפשטיין פון די טויטע, און אַז דער דאָזיקער
ישוע, וועלכן איך זאָג אייך אָן, איז דער משיח.
4 און אייניקע פון זיי האָבן זיך איבערצייגט, און
זיך באַהאַפטן צו פּוילוסן און סילאָן; און פון די
יראת־שמימדיקע גריכן אַ גרויסער עולם, און פון
5 די פּאָרנעמע פרויען נישט ווייניקע. די יידן אָבער
זענען געוואָרן אייפערזיכטיק און האָבן גענומען
אייניקע פּאַרשוינען פון דעם גאַסנגעזינדל, און
איינגעזאַמלט אַ המון, און געמאַכט אַ מהומה אין
דער שטאָט; און שטעלנדיק זיך אַרום יאַזאָנס הויז,
האָבן זיי געזוכט זיי אַרויסצוברענגען פאַרן פאָלק.
6 און ווי זיי האָבן זיי נישט געפונען, האָבן זיי
אַרויסגעשלעפּט יאַזאָנען און אייניקע ברידער צו
די מנהיגים פון דער שטאָט, שרייענדיק: די דאָזיקע
לייט, וועלכע האָבן אויפגעבראַוזט די וועלט, זענען
7 אויך אַהערגעקומען; וועמען יאַזאָן האָט אויפגע־
נומען; און זיי אַלע האַנדלען קעגן דעם קיסרס
געזעצן, זאָגנדיק, אַז עס איז פאַראַן אַן אַנדערער
8 קעניג, ישוע. און האָבן צערנדיק געמאַכט דעם
המון און די שטאָט־מנהיגים, ווען זיי האָבן דאָס
9 געהערט. און באַקומענדיק אַ פאַרזיכערונג פון